# לאָמיר פּטור ווערן פון דער מיאוסטער סאָוועטישער פּאַסקודסטווע אין אונדזער ווילנע!




שוין צײַט פּטור ווערן פון שניפּישקער „ספּאָרט פּאַלאַץ“

שוין צײַט אויפשטעלן דעם פּראַכטפולן היסטאָרישן בית=עולם אויף פּיראַמאָנט, אַוואו מ׳האָט מקבר געווען דעם באר הגולה, דעם חיי אדם, ר׳ זעלמעלע וואַלאָזשינער און טויזנטער אַנדערע ווילנער יידן אין משך פון אַ האַלבן יאָרטויזנט

אַוואָס זאָלן טאַקע דערזען די קומעדיקע דורות, שטייענדיק אויף געדימינס באַרג? אָדאָס וואָס די סאָוועטישע קאָמיסאַרן האָבן געזען — אַ געבויעכץ אַ פאַרזעעניש אין סאַמע מיטן פון אַלטן יידישן בית=עולם, אַ בנין וואָס איז פאַר ווילנע אַ שאַנדע און אַ חרפּה?

צי פאַרקערט — דעם וואונדערלעך=שיינעם רעקאָנסטרואירטן הייליקן אָרט אַוואו מען קען אויפסנײַ אויפשטעלן מצבות און אהלים, און בויען אַ וועלט=אָרט אויף וועלכן מ׳וועט פון אומעטום קומען מיט חשק, יראת הכבוד, דרך=ארץ?

פערציק טויזנט מענטשן פון אַלע עקן וועלט האָבן שוין אונטערגעחתמעט די פּעטיציע אויף ראַטעווען דעם אַלטן ווילנער בית=עולם אויף פּיראַמאָנט. אינאיינעם וועלן מיר אַדורכפירן!